NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03709

# HANIKE GELT

Sholem Aleichem

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# חנוכה געלט

פון שלום עליכם

א קינדער שפּיל אין דריי סצענעס

פריי אינסצענירט

פון

י. ד. בערקאָוויטש

אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג
מתּנות
באַם
שלום עליכם פאָלקס אינסטיטוט
ניו יאָרק.

אַרויסגעגעבן פון
פאַרלאַג „מתנות“
באַם שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט.

Copyright 1925
by
Farlag Matones Association
New York
Printed in U.S.A.

Myold Printing Co., Inc.
161 Grand Street, N. Y.

# פּאַרשױנען:

דער טאַטע.
די מאַמע.
שלום.
מאָטל.
ברײַנע די קעכין.
די שװעסטער אײדל.
דער שװאָגער זײדל.
דער פֿעטער בעני.
דער פֿעטער משה־אהרן.
די מומע פּעסל.

---

## ערשטע סצענע.

אַן אַלטמאָדיש הױז. צװײ טירן. אײנע אַנטקעגן, פּירט אין דרױסן, און אײנע לינקס, פּירט אין קיך אַרײַן. רעכטס אַ פֿענצטער; אױפֿן פֿענצטער שטײט צוגעגרײט אַ זילבערן חנוכּה־לעמפּל. איבערן טיש ברענט אַ בליצלאָמפּ. — ס'איז די ערשטע נאַכט פֿון חנוכּה. — **דער טאַטע** דאַװנט מעריב, שטײט שמונה־עשׂרה, **שלום** און **מאָטל** זיצן בײדע באַם טיש, שפּילן אין דרײדל.

מ אָ ט ל: (קוקט אױפֿן דרײדל, װי עס דרײט זיך און פֿאַלט). געפֿאַלן אױפֿן שין! װי אַזױ מאַכט שין?

ש ל ו ם: שין מאַכט: שװײַג! דער טאַטע שטײט דאָך שמונה־עשׂרה...

מ אָ ט ל: (מיט אַ געבעט). נײן, שלום, כ'לעבן, זאָג דעם אמת: װי אַזױ מאַכן די אותיות אױפֿן דרײדל? איך האָב שױן װידער פֿאַרגעסן.

ש ל ו ם: קאַצענער מוח! װיפֿיל מאָל דאַרף מען דיר זאָגן? — נון מאַכט נ ס, גימל מאַכט ג ד ו ל, הײ — ה י ה, שין — ש ם.

מ אָ ט ל: און װי אַזױ װעט דאָס זײַן אױף אידיש?

ש ל ו ם: אױף אידיש? נון — דו ביסט אַ נאַר, גימל — אַ גרױסער...

מ אָ ט ל: אַבי דו ביסט אַ קלוגער! און װי מאַכט הײ און שין?

ש ל ו ם: היי און שין ווי מאַכט? היי און שין מאַכט... טשעפּע זיך אָפּ פון מיר און דול מיר ניט קיין ספּאָדעק!

ד ע ר ט אַ ט ע (גייט־אוים שמונה־עשרה, גייט־צו צום קאָמאָד, נעמט־אַרוים פון קעסטל אַ וועקסן ליכטל, זאָגט „עלינו“ און מאַכט מיט די הענט צו די קינדער ווייזט זיי אויף דער קיך: אי—אָ! שהוא נוטה שמים ויוסד הארץ... אי—נו—אָ!

ש ל ו ם (קוקט אויף אים, פאַרשטייט ניט זיין מיין): וואָס? אַ שוועבעלע?

ד ע ר ט אַ ט ע (באַווייזט אויף דער קיך): אי—אָ—אָ! ועל כן נקוה לך... אי—אָ—נו!

מ אָ ט ל (וויל טרעפן): אַ קאָלאָדאַטשמעסער! א שערל? דאָס אויבערשטע פּונ׳ם שטויסל?...

ד ע ר ט אַ ט ע (פאַרקרימט דאָס פּנים אומגעדולדיק): מטא—איי!... אי—אָ—נו—פּע! אמי! אמי!... ביום ההוא יהיה אדוני אחד ושמו אחד... די מאַמע! רופט אַריין די מאַמע. לאָז זי גיין הערן בענטשן חנוכה ליכטלעך.

ש ל ו ם און מ אָ ט ל (לאָזן זיך ביידע לויפן צו דער קיך, שרייען פריילעך): מאַמע! גיכער! חנוכה-ליכטלעך! (פון דער קיך באַווייזט זיך די מאַמע אין אַ ווייסן טשיפּעק, מיט אַ פאַרפלאַמט פּנים. פון הינטן לויפט איר נאָך ברײנע די קעכין מיט אַ פעט פּנים און מיט פעטע אויסגעשמירטע הענט).

ד י מ אַ מ ע: אוי, אַ מכה מיר, חנוכה-ליכטלעך!
(קאַטשעט אַראָפּ די אַרבל, מאַכט אַ פרום פּנים און שטעלט זיך אָן דער זייט, גרייט צו האָרכן).

ב ר י י נ ע: חנוכה-ליכטלעך? אוי, אַ ווייטיק איז מיר אַ גרוי—סער! (בלייבט שטיין באַ דער טיר, ווישט די הענט אינם פאַרטוך, טוט אַ שמיר מיט דער פעטער האַנט איבער דער נאָז פון אונטן אַרויף און לאָזט איבער אַ שוואַרצן צייכן איבערן פּנים. שלום און מאָטל גיבן אויף איר אַ קוק און שיסן־אוים אַ געלעכטער.)

ד ע ר ט אַ ט ע: שאַ, שטיל זאָל זיין!

די מאַמע: וואָס פאַר אַ געלעכטער אינמיטן דערינען, פאַר חנוכה-ליכטלעך?

ברײַנע (קוקט אויף די קינדער מיט אַ שמייכל: נישקשה זאָלן זיי לאַכן געזונטערהייט! דאָס לאַכן זיי דאָך מסתמא פון מיר. (טוט זיך אַ צווייטן שמיר איבערן פּנים. די קינדער קוקן אויף איר און שטיקן זיך פון געלעכטער.)

דער טאַטע (צינדט־אָן דאָס ליכטל, גייט־צו צום חנוכה־לעמפּל, בייגט זיך אָן און מאַכט די ברכה מיט אַ ניגון): ברוך אתה אדוני אלהינו מלך העולם, אשר קדשנו במצותיו וצונו להדליק נר של חנוכה!

די מאַמע (פרום): ברוך הוא וברוך שמו, אמן!

ברײַנע: (שאָקלט מיטן קאָפּ). אָמן! (פאַרקרימט דאָס פּנים, ווי אויף צו וויינען). אוי, טאַטע זיסער האַרציקער, געטרייער! שוין דערלעבט חנוכה אויך... (גייט צוריק אין קיך. די מאַמע גייט איר נאָך).

דער טאַטע (קוקט אויפן חנוכה־לעמפּל, ווי ס'ברענט, הויבט אָן זינגען אונטער דער נאָז): הנרות הללו שאנו מדליקין... (גייט אַרום הין און צוריק, זאָגט עפּעס שטילערהייט, שטעלט זיך אָפּ באַם חנוכה־לעמפּל, קוקט און זאָגט און זאָגט. שלום און מאָטל האָבן זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקל, קוקן אַרויס צום טאַטן, ווילן צוגיין צו אים און האַלטן זיך אָפּ).

שלום (טוט אַ שטופּ מאָטלען): מאָטל נו?

מאָטל: וואָס נו?

שלום: גיי צו, בעט אים חנוכה-געלט.

מאָטל: וואָס עפּעס איך זאָל בעטן חנוכה-געלט?

שלום: אַזוי. וואָרים דו ביסט קלענער, באַדאַרפסטו בעטן חנוכה-געלט!..

דער טאַטע (הערט פון ווייטן דעם שמועס פון די קינדער, שטעלט זיך אָפּ, שמייכלט אין באָרד אַריין. דערנאָך גייט ער צו צום

קאָמאָד, עפנט פאַמעלעך דאָס קעסטל און נעמט צײלן געלט. שלום און מאָטל קוקן זיך איבער אײנער מיטן אַנדערן, קערן זיך כלומרשט אָפּ אָן אַ זײַט, קראַצן זיך אונטער דער פּאה, װי ניט זײ מײנט מען. דער טאַטע טוט אַ הוסט): הם... קינדער, קומט נאָר אַהער!

**שלום** (גײט צו): הא? װאָס איז, טאַטע?

**מאָטל** (גײט צו): מיך רופסטו אױך?

**דער טאַטע** (שמײכלט): דיך אױך... נאַט אײַך בײדן חנוכה־געלט. (גיט שלומען אַ פּאַפּירן קערבל און מאָטלען אַ זילבערן האַלב־קערבל).

**שלום און מאָטל** (נעמען צו דאָס געלט און לאָזן זיך גײן צו דער טיר, פריער פּאַװאָליע און נאָכדעם גיכער, נעמען זיך פאַר די הענט, שפּרינגען אױף אײן פוס און זינגען אונטער).

אײנגע, בײנגע,
סטופּע צײנגע,
אַרצע, באַרצע,
גאָלע שװאַרצע,
אײמעלע, רײמעלע,
בײגעלע, פײגעלע —
האָפּ!

(שטױסן זיך אָן אין טיר מיטן פעטער בעניִן, װאָס קומט אַרײַן פון דרױסן).

**בעני**: בײגעלע, פײגעלע — האָפּ! (כאַפּט די קינדער פאַר די הענט און פירט זײ צוריק). װאוהין איז חברה פלעצל װאוהין לױפט מען? װאַרט אַ װײַלע, אײַך קומט דאָך חנוכה־געלט! (נעמט אַרױס פון קעשענע און גיט זײ). נאַ דיר אַ זילבערנעם גילדן, און נאַ דיר אױך אַ זילבערנעם גילדן! (טוט אױס דעם מאַנטל, שטײט און הערט זיך צו צו דער קיך, רעדט צום טאַטן). נו, און באַ דיר, הער איך, פרעגלט מען שױן שמאַלץ, מען גרײט לאַטקעס? (רײַבט די הענט). מאַכן מיר, הײסט עס אַ דאַמקע?

**דער טאַטע**: מאַכן מיר, הײסט עס, אַ דאַמקע.

(נעמט אַרויס פון קעסטל אַ בויגן פּאַפּיר, זעצט זיך צום טיש, צעווירעט דעם בויגן אויף קעסטלעך).

**שלום:** טאַטע, ברענגען פּאַסאַליעס?

**בעני:** ער ווייסט אָבער, דער קליינער, ער געדענקט! (נעמט אים פאַר אַן אויער). גיי ברענג פּאַסאַליעס — שוואַרצע און ווייסע. (שלום גייט אין קיך און ברענגט אַ זשמעניע פּאַסאַליעס).

**דער טאַטע** (לייגט אויס די פּאַסאַליעס אויפן פּאַפּיר): נאָר איין זאַך וועל איך דיך בעטן בעני: בלא חרטה ובלא דריי. דאָס הייסט: אַ גאַנג זאָל זיין אַ גאַנג!

**בעני** (זעצט זיך צום טיש): נו, מילא, אַ גאַנג איז אַ גאַנג... (גייט אַ גאַנג).

**דער טאַטע** (שלאָגט אָפּ אַ ציגל): אַ גאַנג איז אַ גאַנג.

**בעני** (שלאָגט אָפּ צוויי ציגלעך): אַ גאַנג איז אַ גאַנג... (ביידע פאַרטיפן זיך אינם שפּיל, קייען די בערד און זינגען עפּעס אונטער דער נאָז. שלום און מאַטל שטייען אַ ווײַלע בײַם טיש און קוקן צו, דערנאָך פאַרקליבן זיי זיך אין אַ זייט, זעצן זיך אויף דער ערד און נעמען שפּילן אין דריידל).

**שלום** (לייגט אַוועק דאָס דריידל, נעמט אַרויס דאָס געלט פון קעשענע): איך האָב שוין אַ קערבל מיט אַ גילדן, און וויפיל האָסטו, מאַטל?

**מאַטל:** איך האָב נאָר אַ האַלב קערבל מיט אַ גילדן.

**שלום:** ווייל דו ביסט מיט אַנדערהאַלבן יאָר אינגער פון מיר... ווי מיינסטו, מאַטל, וואָסער יום-טוב איז דער בעסטער פון אַלע ימים-טובים?

**מאַטל:** איך זאָג, אַז חנוכה.

**שלום:** פאַר וואָס ניט פורים?

**מאַטל:** ווייל פורים איז איין טאָג, און חנוכה איז אַכט טעג. דאָס איז איינס אַוועק. און צווייטנס, ווייל חנוכה האָבן מיר היינט, און פורים וועט זיין ערשט ווייס איך ווען!....

ד ע ר  ט אַ ט ע (קייט אַן עק באָרד, טרייסלט מיט די פיס אונטערן טיש און זינגט מיט אַ גמרא ניגון): אוי, וואָס טוט מען, וואָס טוט מען, וואָס טוט מען?... זאָל איך גיין אַהער? — וועט ער גיין אַהין; וועל איך גיין אַהין? וועט ער גיין אַהער. באַדאַרף מען בעסער גיין אַזאַ מין גאַ—אַ—נג...

ב ע נ י (מיטן זעלבן ניגון): אַזאַ מין גאַנג, אַזאַ מין גאַנגן!..

ש ל ו ם: ווי מיינסטו, מאָטל, וויפיל חנוכה-געלט קאָן זיך באַ אונדז צונויפקלייבן פון אַלע פעטערס מיט אַלע מומעס?

מ אָ ט ל: פון וואַנען זאָל איך וויסן? איך בין דען אַ נביא?

ש ל ו ם: פריער פון אַלץ גייען מיר מאָרגן צום פעטער משה-אהרן — ער איז אַ נגיד.

מ אָ ט ל: ער איז דאָך אָבער אַ קאַרגער!

ש ל ו ם: דעריבער איז וואָס? חנוכה-געלט וועט ער מוזן געבן — ער וועט זיך פון אונדז ניט אויסדרייען...

מ אָ ט ל: נו, און צו וועמען נאָך וועלן מיר גיין?

ש ל ו ם: נאָכדעם — צום פעטער איציק.

מ אָ ט ל: דער פעטער איצי איז דאָך ברוגז מיטן טאַטן!

ש ל ו ם: און אַז ער איז ברוגז מיטן טאַטן, זענען מיר שולדיק?...

מ אָ ט ל: נו, און צו וועמען נאָך?

ש ל ו ם: היינט דער פעטער בייניש און די מומע יענטע.

מ אָ ט ל: קאַרג א י ג ע נ ע קינדער האָבן זיי? אַזאַ כאַליאַסטרע!

ש ל ו ם: דאָס איז קיין תירוץ ניט פאַר חנוכה-געלט!...

מ אָ ט ל: און ווער נאָך וועט דיר געבן?

שלום: וואָס הייסט — ווער נאָך? און וואו איז אונדזער אײדל? און איר מאַן זײדל?

מאָטל: זײדל וועט דיר געבן אַ שנעל אין נאָז, ניט קיין חנוכה-געלט!

שלום: דאָס וועלן מיר שוין שפּעטער זען... שאַ! אָט זענען זיי דאָ אַליין! (עס קומען אַריין אײדל און זײדל, טוען אויס די מאַנטלען).

אײדל (מיט אַ טרויעריק פּנים): גוטן אָוונט טאַטע. (קאָרטשעט זיך) אַזוי קאַלט געוואָרן אין דרויסן און אַזוי פינצטער.

זײדל (מיט אַ פריילעך פּנים): אַ גוט יום-טוב, שווער! אַ גוט-יום-טוב, פּעטער! אַזוי וואַרים דאָ בײַ אייך אין שטוב און אַזוי ליכטיק!... (גייט צו צום טיש). אַהאַ! מע שפּילט שוין אַ דאַמקע לכבוד חנוכה! (קוקט זיך אַרום). און פון קיך טראָגט זיך אַ ריח — אַ מחיה!... איך האָב מורא, אַז מע באַקט לאַטקעס.

בעני (פּאַרטיפּט אונם שפּיל): מע באַקט לאַטקעס, מע באַקט לאַטקעס, מע באַקט לאַטקעס...

זײדעל (שטייט אַ ווײַלע בײַם טיש, דערנאָך דרייט ער זיך אויס זינגט אונטער דער נאָז). נאַ-עריצך... (גייט פאַרביי שלומען מיט מאָטלען עטלעכע מאָל, ווי ער וואָלט זיי ניט געזען, טוט זיך פלוצים אַ דריי אויס פלינק און דערלאַנגט זיי ביידן צו שנעל איבער די נעזער, זינגט צו יעדן שנעל). נעריצך! ונקדישך!.. (שלום און מאָטל כאַפּן זיך פאַר די נעזער).

אײדל (מיט אַ וויינענדיק קול): זײדל, מוטשע ניט די קינדער. איך בעט דיך!

זײדל: ווער מוטשעט זיי? (צו די קינדער). איך ווייס דאָך ווייסע חברהניקעס, אויף וואָס איר קוקט אַרויס! איר מיינט דאָך מסתמא פּעטי-מעטי, האַ? נאַט זשע אייך ביידן חנוכה-געלט! (ציילט אויס צו יעדן אין האַנט אַריין עטלעכע זיל-

בערנע מטבעות, און איידער די קינדער קאָנען כאַפּן אַ קוק אויפן געלט, גיט ער יעדן פון זיי צו צוויי שנעל: אין שפּיץ נאָז און אין עק אויער).

א י י ד ל (מיט אַ וויינענדיק קול): זיידל, גוואַלד, איך קאָן דאָס ניט צוקוקן!... (גייט אַרויס אין קיך. זיידל גייט צוריק צום טיש).

ש ל ו ם: אַהאַ! וואָס האָב איך געזאָגט? ער האָט געגעבן חנוכה-געלט!

מ אָ ט ל: ער האָט אָבער געגעבן אַ שנעל אין נאָז אויך!

ש ל ו ם: האָבן מיר ביידע געטראָפן...

זיידל (באַם טיש). נע—עריצך... (קוקט אַריין אינם שפּיל). שוועך! וואָס טראַכט איר דאָ אַזוי לאַנג? גייט אָט אַזוי אַ! (ווייזט מיטן פינגער אויפן פּאַפּיר).

ד ע ר ט אַ ט ע: האַ? וואַרט אַ ווײַלע, כאַפּ ניט... (זינגט). נאַר איינער, וואָס באַדאַרף איך דאָ מורא האָבן? טאָמער שלאָגט ער מיר אָפּ דאָס ציגל? וועל איך באַ אים צונעמען צוויי ציגלעך. איי, וואָס? טאָמער מיינט ער מ י ר שלאָגן דריי ציגלעך?

ב ע נ י: דריי ציגלעך, דריי ציגלעך, דריי ציגלעך?...

ד ע ר ט אַ ט ע: אוי ביסטו אַ טיפּיש, בעני, און אַ גרויסער!

ב ע נ י: ביסט אַליין אַ טיפּיש, מיין ברודער, און נאָך אַ גרעסערער! (גייט אַ גאַנג און פאַרכאַפּט זיך באַלד צוריק).

ד ע ר ט אַ ט ע (כאַפּט בענין פאַר דער האַנט): פע, בעני, מיר האָבן דאָך גערעדט, בלא חרטה, בעני, בלא דריי!

ב ע נ י: חרטה? וויפיל מאָל מאַכט זיך, אַז דו האָסט חרטה?

ד ע ר ט אַ ט ע: איך?... ע, בעני, דערפאַר האָב איך דאָך פיינט מיט דיר צו שפּילן אין דאַמקע.

ב ע נ י: ווער זשע נייט דיך, זאָלסט מיט מיר שפּילן?...

(פון קיך באַווייזן זיך די מאַמע און איידל מיט פאַרפלאַמטע פּנימער.

הינטער זיי טראָגט ברײנע אַ גרויסן פּאַלומעסיק מיט הייסע לאַטקעס, פון וועלכע עס גייט אַ פּאַרע).

**די מאַמע:** שוין? מע קריגט זיך שוין איבער אַ פּאַסאַלקעלע?...

**איידל:** שאַט, אַט קומען די לאַטקעס אַליין! (גייט אַנטקעגן די ווייבער מיט אַ געזאַנג). נעריצך! ונקדישך!

**שלום און מאַטל** (טאַנצן און פּאַטשן מיט די הענט): נעריצך! ונקדישך! לאַטקעס! לאַטקעס! לאַטקעס!...

## צווייטע סצענע.

אויף מאָרגן אין דער פרי, באַם פעטער משה־אהרן אין הויז. די מומע פעסל, אין שפּאַקולן, זיצט באַם טיש און שטריקט אַ זאָק. שלום און מאַטל קומען אַריין פּאַרפּרוירענע, אַנגעטאָן אין טולופּלעך און אַרומגעוויקלט אין גרויסע וואַרימע שאַלן.

**שלום און מאַטל** (באַ דער טיר): אַ גוט מאָרגן, מומע פעסל!

**פעסל** (שטייט אויף, לייגט אַוועק דעם זאָק): זע נאָר, געסט! מסתמא געקומען נאָך חנוכה־געלט? (שלום און מאַטל לאָזן אַרונטער די אויגן און שמייכלען. די מומע פעסל טוט זיי אויס די טולופּלעך, רופט זיי צום טיש). נו? קומט אַהער, וואָס שטייט איר באַ דער טיר? (נעמט זיך צום פאַרטוך). קומט, אַט וועל איך אייך... (שלום און מאַטל קוקן זיך איבער, גייען צו מיט אַ פּרייליכן גלאַנץ אין די אויגן). אויסשנייצן די נאָז... (נעמט יעדן פון זיי מיטן פאַרטוך באַ דער נאָז). שנייץ־אויס! גוט, גוט שנייץ־אויס! זשאַלעווע ניט! נאָך! נאָך! אַט־אַזוי!... (שלום און מאַטל שטייען ביידע מיט די רויטע נעזער, ווי אָפּגעשמיסענע). נו, וואָס שטייט איר? זעצט זיך אַ ביסל אָפּרוען. (די אינגלעך זעצן זיך אָן דער זייט, קוקן אויף די ווענט). וואָס מאַכט דער טאַטע?

**שלום:** גאָרניט.

**פעסל:** וואָס מאַכט די מאַמע?

מ אָ ט ל: גאָרניט.

פּ ע ס ל: געקוילעט גענדז?

ש ל ו ם: געקוילעט.

פּ ע ס ל: געפּרעגלט שמאַלץ?

מ אָ ט ל: געפּרעגלט.

פּ ע ס ל: געבאַקן לאַטקעס?

ש ל ו ם: געבאַקן.

פּ ע ס ל: דער פעטער בעני געווען?

מ אָ ט ל: געווען.

פּ ע ס ל: געשפּילט דאָמינע?

ש ל ו ם: געשפּילט. (אין דער צייט קומט אַריין דער פעטער משה-אהרן מיט אַ זויער פּנים, מיט וואַטע אין די אויערן און מיט נאַסע הענט, גייט גלייך צום האַנטוך).

ש ל ו ם א ו ן מ אָ ט ל (שפּרינגעןביידע אויף): אַ גוט מאָרגן, פעטער משה-אהרן.

מ ש ה א ה ר ן (קוקט זיך אויף זיי ניט אום, ווישט די הענט און זאָגט עפּעס, קנייטשט דאָס פּנים, פּינטלט מיט די אויגן): ברוך אתה... אשר יצר... נקבים, נק—בים; חלולים, חלו—לים!...

פּ ע ס ל: משה-אהרן מע באַדאַרף זיי עפּעס געבן חנוכה-געלט.

מ ש ה-א ה ר ן (קוקט זיך ניט אום, ווישט די הענט, זאָגט עפּעס און לאָזט אויס מיט אַ קוויטש): ומפליא ל—ע—שות!...

פּ ע ס ל (העכער): משה-אהרן, די קינדער חנוכה געלט!

מ ש ה-א ה ר ן: האַ? וואָס? (לייגט איבער די וואַטע פון איין אויער אין אַנדערן).

פּ ע ס ל (שרייט): די קינדער חנוכה-געלט!!!

מ ש ה-א ה ר ן (גייט צו צום טיש, האַלט זיך באַם בויך): אוי, דער בויך! דער בויך! (צו די קינדער). חנוכה-געלט ווילט איר? וואָס דאַרפן קינדער געלט? וואָס וועט איר טאָן מיטן געלט? האַ? אויסגעבן, צעטרענצלען, האַ? וויפיל האָט איך געגעבן דער טאַטע אייערער חנוכה-געלט? האַ?

ש ל ו ם: מיר אַ קערבל, און אים אַ האַלבס. (ווייזט אויף מאָטלען. מאָטל, אַ דערשראָקענער, שאָקלט מיטן קאָפּ).

מ ש ה-א ה ר ן (שטוינט): אַ קערבל? !... המ... מע באַלעוועט קינדער. מע מאַכט פון זיי אַ תל! (צו שלומען). וואָס וועסטו טאָן מיטן קערבל, האַ? צעבייטן, האַ? זאָלסט דאָס ניט צעבייטן! דו הערסט וואָס איך זאָג דיר? זאָלסט דאָס ניט צעבייטן! צי אפשר ווילסטו דאָס צעבייטן, האַ?

פּע ס ל: ניט צעבייטן, יאָ צעבייטן — וואָס גייט דאָס דיך אָן? גיב זיי אָפּ זייערס און זאָלן זיי גיין געזונטערהייט!

מ ש ה-א ה ר ן (שאָקלט מיטן קאָפּ, זיפצט, גייט אַוועק אין צווייטן חדר, שלעפּט די פיס, קומט צוריק, ציילט אין האַנט עטלעכע גרויסע קופּערנע מטבעות, רעדט צו זיך אַליין): המ... מע פירט-איבער קינדער מע מאַכט פון זיי אַ תל, אַ תל-עולם!...) צו די קינדער). נאַט! נאָר פאַרלירט דאָס ניט! איר הערט וואָס מע זאָגט אייך? פאַרלירט דאָס ניט — ס'איז געלט!... (שטופּט זיי אַריין יעדן עטלעכע מטבעות, גייט אָפּ, טוט אַ מאַך מיט דער האַנט. די קינדער לאָזן זיך לויפן צו די טולופּלעך).

פּ ע ס ל: וואַרט! וואָס לויפט איר אַזוי? (די קינדער שטעלן זיך אָפּ, קוקן אויף איר. זי נעמט דעם פאַרטוך אין האַנט). גיט אַקאָרשט אַהער אייערע נעזער נאָך אַ מאָל! (שנייצט זיי אויס גוט די נעזער). אָט אַזוי! אָט אַזוי!...

## דריטע סצענע

דעם זעלביקן טאָג, ווידער באַם טאַטן אין שטוב. שלום און מאָטל קומען אַריין פון דרויסן מיט רויטע אָנגעפרוירענע פּנימער, טוען אויס די טולופּלעך.

ש ל ו ם (גייט צו צום טיש): אנו, מאַטל, איצט וועלן מיר וויסן, וויפיל סע האָט זיך באַ אונדז אָנגעקליבן חנוכה-געלט פון אַלע פעטערס און אַלע מומעס... (נעמט אַרויס פון קעשענע דאָס געלט און לייגט אויפן טיש. מאַטל טוט אויך דאָס אייגענע).

דו זעסט מאַטל, וויפיל געלט איך האָב? אַ גאַנצן אוצר! (פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע, הויבט־אָן צו לאַכן. דו ווייסט, וואָס מיר האָט זיך היינט באַנאַכט געחלומט?

מ אָ ט ל: פון וואַנען זאָל איך וויסן? איך בין דען אַ נביא?

ש ל ו ם: אַ מאָדנער חלום.. איך ליג אַזוי און שלאָף, ערשט עס קומט אַריין ברײַנע מיט אַ פּאַלומעסיק פול מיט קערבלעך, און פון די קערבלעך גייט אַ פּאַרע...

מ אָ ט ל: ווי אַזוי קאָן פון קערבלעך גיין אַ פּאַרע?

ש ל ו ם: אָט וועסטו הערן... ווי נאָר דו האָסט דאָס דערזען — דו גיסט ניט אַ שפּרונג אויף ברײַנען, נעמסט כאַפּן קערבלעך פון פּאַלומעסיק און שלינגסט זיי ווי האַלעשקעס. זאָג איך צו דיר: „מאַטל, וואָס טוסטו? קערבלעך שלינגסטו?" זאָגסטו צו מיר: „ס'איז דאָך היינט חנוכה, און חנוכה איז אַ מצוה צו שלינגען קערבלעך"...

מ אָ ט ל: ס'אַ ליגן! איך האָב דאָס גאָרניט געזאָגט!

ש ל ו ם (צעלאַכט זיך): נאַר איינער! ס'איז דאָך געווען אַ חלום!.. נו, לאָמיר זיך נעמען ציילן. נאַר דו ווייסט וואָס? דו שוויג; פריער וועל איך איבערציילן מיינס, נאָכדעם וועסטו ציילן דיינס... (ציילט דאָס געלט). אַ קערבל מיט דריי צוואַנציקער מיט פיר גילדן, מיט פינף גריוונ׳יעס, מיט זעקס פיטאַקלעך — וויפיל מאַכט דאָס אינאיינעם? אַזוי גרויס, ווי אַ קערבל מיט דריי צוואַנציקער, מיט פיר גילדן, מיט פינף גריוונ׳יעס, מיט זעקס פיטאַקלעך...

מ אָ ט ל (קאָן זיך ניט דערוואַרטן, ציילט זיין געלט פון איין האַנט אין דער אַנדערער): אַ צוואַנציקער און אַ צוואַנציקער, איז צוויי צוואַנציקער, און נאָך אַ צוואַנציקער, איז דריי צוואַנציקער, און צוויי גילדן, איז דריי צוואַנציקער מיט צוויי

גילדן, און אַ גריוונׅיע און נאָך אַ גריוונׅיע — איז אינאיינעם צוויי, צוויי צוואַנציקער מיט דריי גילדן, מיין איך דריי גילדן מיט צוויי צוואַנציקער... טפו! וואָס רייד איך?...

ש ל ו ם: וואַרט! פּאַרטומל מיר ניט דעם קאָפּ!...
(לייגט אוים די מטבעות אויפן טיש, ציילט שטילערהייט, מאָטל טוט אויך אַזוי). מאָטל, דו ווייסט ניט וואָס פאַר מטבעות זיינען עס דעם פעטער משה-אהרנס? (באַווייזט אים די גרויסע מטבעות).

מ אָ ט ל: פון וואַנען זאָל איך ווייסן? איך בין דען אַ נביא?

ש ל ו ם: עפּעס מאָדנע האַרטע מטבעות, און אַלע אָפּ-געריבענע... ווי אַזוי זאָלן מיר זיי רעכענען? פאַר צענערלעך?

מ אָ ט ל: פאַר וואָס ניט זעקסערלעך?

ש ל ו ם: נאַרעלע! אויב צענערלעך וועט דאָס אויסקו-מען מער... דו ווייסט גאַר וואָס? לאָמיר זיי אויסבייטן באַ דער מאַמען! (שטייט אויף, רופט). מאַמע! מאַמע!

ד י מ אַ מ ע (קומט אַריין פון קיך): הא, וואָס איז?
ש ל ו ם (באַווייזט איר די מטבעות): בייט אונדז אוים אָט די צענערלעך...

ד י מ אַ מ ע (טוט אַ קוק אויפן געלט): וואָס איז דאָס פאַר אַ מאָדנע פּיטאַקעס? ווער האָט דאָס אייך אַריינגערוקט אַזאַ געלט? (די קינדער שעמען זיך אויסזאָגן און מאַכן אַ שוויג).

ש ל ו ם: בייט אונדז אוים, מאַמע...

ד י מ אַ מ ע: ווי אַזוי זאָל איך אויסבייטן, אַז איך ווייס ניט, וואָס פאַר אַ געלט דאָס איז? ס'איז גאַר קיין געלט ניט... (גייט צוריק אין קיך).

ש ל ו ם (קוקט אויף מאָטלען): נו? וואָס טוט מען איצט?

מ אָ ט ל: איך וועל גיין בעטן ברײנעַן... (גייט אין קיך און קומט צוריק מיט ברײנען).

ב ר י י נ ע (גייט אים נאָך מיט אַ שמייכל): וואָס איז, נשמה מיינע? וואָס ווילסטו מיר זאָגן?

מ אָ ט ל: בייט אונדז אוים אָט די זעקסערלעך. (ווייזט איר).

ש ל ו ם: ניט זעקסערלעך, נאָר צענערלעך...

ב ר י י נ ע (קוקט אויף די מטבעות): ס׳איז ניט קיין זעקסערלעך און ניט קיין צענערלעך. ס׳איז עפּעס גאָר דער שוואַרציאָר ווייסט וואָס!

מ אָ ט ל (מיט אַ געבעט): בייט-אוים, בריינע!

ב ר י י נ ע (קוועטשט מיט די פּלייצעס): איך אויסבייטן? ווי קומט צו מיר געלט?

ש ל ו ם: איר האָט גאָר קיין געלט ניט?

ב ר י י נ ע: ע, קינדעניו, ווען איך זאָל האָבן געלט, וואָלט די וועלט גאָר אַן אַנדער פּנים געהאַט!... (גייט צוריק אין קיך).

ש ל ו ם (קוקט אויף מאָטלען פאַרצווייפלט): נו? ווי אַזוי ווערט מען פּטור פון די האַרטע צענערס?

מ אָ ט ל (טראַכט אַ ווײַלע): ווייסט גאָר וואָס? לאָמיר זיי אַריינוואַרפן אין אויוון אַריין, אָדער גאָר אין דרויסן אויפן שניי...

ש ל ו ם: אַ חכם אַ איד! שוין גלייכער, דאַכט זיך, אַוועקשענקען זיי אַן אָרעמאַן!

מאָטל: אַ שיינער בעל-צדקה! ווילסט אָפּנאַרן אַן אָרעמאַן?...

ש ל ו ם: נאַרעלע, ווער זאָגט דען אָפּנאַרן? מיר וועלן אים נאָך געבן דערצו אַן אמתן צוואַנציקער, אַבי ער זאָל נאָר וועלן צונעמען פון אונדז דעם אומגליק... און ווייסט גאָר וואָס מאָטל? לאָז טאַקע אַן אָרעמאַן אויך האָבן חנוכה-געלט!...

פ אָ ר ה א נ ג.